# א מעשה'לע

גליון י"ט

פרשת ואתחנן תשפ"ו

וועכנטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## אָנְגֵיין אֲפִילוּ
## עֶס אִיז שְׁוֶוער

אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה, לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם טַאנְצְט אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג; אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָארְט, דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט שֵׁיין, אֵיינֶער פַּייפְּט מִיט אַ פַּייפֶער, אֵיינֶער שְׁפִּילְט אוֹיפְ'ן פִידְל, אוֹיךְ אִיז דָא אַ טְרָאמְפֵּייטֶער מִיט אַ פּוֹיקֶער. דֶער קָאנְדָאקְטֶער מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אַלֶע זָאלְן שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז גָאר אַ לֶעבֶּעדִיגֶע חֲתוּנָה.

עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט הָאט פַּאסִירְט, דֶער



דֶער פּוֹיקֶער פּוֹיקְט וַוייטֶער

פּוּיקֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן אִינְמִיטְן פּוּיקְן אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן; אַלֶע קוּקְן ווִי דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט אוּן ווִי דֶער פּוּיקֶער שְׁלָאפְט, דֶער קָאנְדָאקְטֶער בַּאמֶערְקְט ווִי דֶער פּוּיקֶער שְׁלָאפְט.

פְּלוּצְלוּנְג: "פַּאטְשׁ!!!" "פַּאטְשׁ!!!" דֶער קָאנְדָאקְטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַּארְ'ן פּוּיקֶער, דֶער פּוּיקֶער הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אוֹיף אוּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ פּוּיקְן, עֶר קְלַאפְּט אוּן פּוּיקְט כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֶעט דִי מַעֲשֶׂה אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט", דֶער רֶבִּי זָאגְט פַּאר דִי תַּלְמִידִים: "פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען חִזּוּק פַּאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּנֶעם פּוּיקֶער אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג דַארְף מֶען וַוייטֶער פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאפְּן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען".

קִינְדֶער לָאמִיר זִינְגֶען: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט".

# ספר המידות

## שִׂמְחָה - חלק א'

יז. עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן, בָּא שִׂמְחָה.

יז. בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט פְּרֵיילִיךְ.



קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691